גוט שבת אלע אידן. רב אריה לעווין זצ״ל איז גוט באקענט געווען פאר זיין אויסטערלישע אהבת ישראל. ער איז אייביג גרייט געווען צו טון חסד פאר אידן, און ער האט באהאנדעלט יעדן איד מיט גרויס כבוד. דורך דעם איז ער געווען גאר באליבט בפרט צווישן אידן אין ירושלים און בכלל אין די גאנצע אידישע וועלט. דורך זיין זיין אזא גרויסער בעל חסד, האט ער מצליח געווען צו מעורר זיין די פינטעלע איד אין אסאך פארלוירענע אידן. די פאלגענדע מעשה איז נאר איינע פון אסאך מעשיות וואס ווייזט אויף רב אריה לעווין זצ״ל׳ס געוואלדיגע כח מיט אידן.

רב אריה פלעגט דאווענען שבת אינדערפרי יעדע וואך מיט א גרופע אידן וועלכע האבן זיך געפינען אין תפיסה, ל״ע. ער פלעגט אנקומען גאר אינדערפרי צו דער בית הסוהר וואו ער האט געדאווענט מיט זיי. ער האט זיי אויך מחזק געווען מיט דברי תורה און התעוררות. צו די צובראכענע אידן אין תפיסה, איז ר׳ אריה׳ס באזוכען יעדע וואך געווען דעם הויפט–פונקט פון דער וואך. עס האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די אידן אז אזא חשובער רב ווי ר׳ אריה שליט״א וועט זיך כסדר מטריח זיין, בפרט אין שבת קודש, צו קומען אין תפיסה. דאס האט געמאכט פאר זיי אז שבת זאל האבן א רוחניותדיגע טעם, אפילו ווען זיי זענען געווען אין אזא נישט באטעמ׳טע פלאץ.

איין שבת אינדערפרי, ווען דער מנין האט געהאלטן אין מיטן שחרית, איז פלוצלינג אריינגעקומען א שליח וואס האט געזאגט פאר ר׳ אריה ״רבי, איר דארפט קומען יעצט! עס איז אייער טאכטער. א שרעקליכע זאך איז געשען צו איר.״ דער שליח האט קוים געקענט אטעמען, ווייל ער איז געלאפן אזוי שנעל כדי איבערצוגעבן די נישט גוטע נייעס. ר׳ אריה האט איבערגעבעטן דעם עולם און דאן האט ער געאיילט ארויס פון תפיסה אויפ׳ן וועג צו דער שערי צדק שפיטאל.

ר׳ אריה׳ס רביצן האט אים געטראפן ביים אריינגאנג צום שפיטאל. זי האט פארציילט ווי זי האט געהאלטן ביים צוגרייטן די שבת סעודה ווען פלוצלינג האט זי געזען ווי זייערע טאכטער איז געליגן אויפ׳ן פלאר, אזוי ווי זי האט געחלשט. ר׳ אריה האט בארוהיגט זיין רביצן און נאכדעם זענען די צוויי געגאנגען צו דעם שטוב פון זייערע טאכטער. די דאקטוירים האבן נישט געוואוסט וואס איז געשען צו דעם מיידל.

די נייעס וועגן ר׳ אריה׳ס מיידל האט זיך צושפרייט ארום ירושלים און יעדער איינער האט זיך גענומען זאגן תהלים פאר איר. ר׳ אריה האט געטוישט זיינע טעגליכע סדרים כדי ער זאל קענען זיין ווי מער לעבן זיין טאכטער אין שפיטאל. אבער ליידער, האט עס אויסגעקוקט אז גארנישט האט געהאלפן, ווייל ווען עס איז געקומען שבת א וואך שפעטער, איז דאס מיידל געווען אין דעם זעלבן שווערן מצב.

אפילו די מצב איז געווען אזוי שווער, האט ר׳ אריה זיך מיישב געווען אז ער וויל סיי ווי סיי גיין דאווענען מיט די אידן אין תפיסה. ווען ער איז אנגעקומען צו דער תפיסה, איז דער עולם ערשטוינט געווארן אז ער איז געקומען אפילו אז זיין טאכטער איז געווען אזוי נישט געזונט ל״ע. דאס וואס ר׳ אריה האט זיי אינזין געהאט, האט געמאכט א מוראדיגע רושם אויף די צובראכענע אידן אין תפיסה. יעדער איינער איז געשטאנען ארום ר׳ אריה פרעגענדיק וועגן דעם מיידל. ״ה׳ יעזור!״ האט ר׳ אריה געזאגט מיט א פעסטקייט. די אמונת ה׳ וואס ר׳ אריה האט געוויזן פאר זיי האט זיי מחזק געווען אין זייערע אייגענע אמונה. נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן צו דאווענען שחרית.

ביי קריאת התורה איז א מוראדיגע זאך געשען וואס האט געוויזן אויף ר׳ אריה׳ס כח צו מעורר זיין די פינטעלע איד אין יעדן איד׳ס הארץ. איין איד וואס האט געהייסן ״עוזי״ האט באקומען די ערשטע עליה. נאך זיין עליה, האט דער גבאי אנגעהויבן צו זאגן די ״מי שברך״ פאר דעם עולה. ווען דער גבאי איז אנגעקומען צו דעם שטיקל וואו דער עולה זאגט זיין נדבה, האט ״עוזי״ ארומגעקוקט דעם שטוב און נאכדעם האט ער געקוקט אויף ר׳ אריה. ער האט זייער רחמנות געהאט אויף ר׳ אריה און ער האט געוואלט עפעס מנדב זיין פאר זיין טאכטער׳ס טובה. דאן, פלוצלינג האט ער געטראכט וועגן א וועג ווי אזוי צו קענען אפשר העלפן דעם שווערן מצב.

פאר מיר גייען ענדיגען די מעשה, לאמיר זען ווי די מעשה האט א שייכות מיט דער וואכעדיגער סדרה. עס שטייט אין פסוק: ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ איר זאלט מאכן פאר מיך א מקדש, און איך גיי רוען אין זיי. (שמות כה,ח) די מפרשים פרעגן פארוואס עס שטייט ״בתוכם״ אין זיי? לכאורה לויט דעם פשוט פשט אז דער פסוק רעדט פון דעם מצוה צו בויען א מקדש, האט דאך געדארפט שטייען אין פסוק ״בתוכו״ אין אים. ענטפערן די ספרים הקדושים, ״בתוכם״ מיינט די אידן. ד״ה, די הייליגע שכינה וועט שורה זיין אין יעדען איד.

זאגט דער של״ה הקדוש אז די אויבערדערמאנטע פסוק קומט אונז צו לערנען אז ״... ונמצאת השכינה כאכסנאי הולך ממקום למקום, ולזה אמר ושכנתי בתוכם, ולא אמר ושכנתי למטה אלא בתוכם, כדמיון אכסנאי, כלומר בכל מקום שילכו [בני ישראל] אלך עמהם ואשכון בתוכם וכו׳״ (ספר שמות - פרשת תרומה, תורה אור א) ד״ה וואו נאר די אידן זאלן זיין אין דעם טינקעלן גלות, טוט די הייליגע שכינה באגלייטן און רוען צווישן אידן. איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט אויף א שטארקע אופן ווי די הייליגע שכינה באגלייט יעדען אידן.

...דאן, פלוצלינג האט דער עולה ״עוזי״ געטראכט וועגן א וועג ווי אזוי צו אפשר העלפן דעם שווערן מצב. ער האט געזאגט, ״איך האב געוואלט מנדב זיין איין טאג פון מיין לעבן צו דער טאכטער פונעם רבי!״

דער עולם איז געווארן איבערראשט. ר׳ אריה האט זיך געגעבן א דריי צו עוזי און געזאגט ״עוזי, אבער...״ ר׳ אריה איז געווען אזוי איבערגענומען אז ער האט נישט געקענט רעדן. נישט וויסענדיג מאכן זיך פון ר׳ אריה׳ס ווערטער, האט עוזי געוויזן פאר דעם גבאי אז ער זאל ענדיגען די ״מי שברך״ מיט עוזי׳ס נדבה.

דאן איז אן אינטערסאנטע זאך געשען. די גאנצע זאך האט זיך איבערגעחזרט מיט ״לוי״ ״שלישי״ און ״רביעי״ וכו׳. יעדער איינער וואס האט באקומען אן עליה האט מנדב געווען טעג אדער אפילו חדשים פון זייער לעבן, פאר ר׳ אריה׳ס נישט געזונטע קינד. ר׳ אריה איז געווארן מער און מער איבערגענומען מיט דער אהבת ישראל און די מסירת נפש פון די אידן. סוף כל סוף איז עולה צו מפטיר געווען א איד, ״דוב טאמארי״, וואס איז געווען א שטארקער גיבור פון א מענטש. דער בעל קורה האט געענדיגט דעם ליינען און יעדער איינער האט גוט צוגעהערט די ״מי שברך״ צו הערן דוב׳ס נדבה. דער עולם האט גערעדט צווישן זיך, ״וואס וועט דוב געבען? אפשר אזוי ווי אלע אנדערע? אפשר וועט ער גאר נישט געבן...״

דער עולם איז נישט גרייט געווען צו הערן דוב׳ס נדבה: ״וויפיל ווערט האט אונזער לעבן דא אין תפיסה קעגען דעם צער פון ר׳ אריה און זיין קראנקע טאכטער? איך וויל מנדב זיין מיין גאנצע לעבן צו ר׳ אריה׳ס קליינע טאכטער!״

ר׳ אריה האט ארומגעקוקט אויף די גרופע אידן. זיי האבן זיך נישט אייביג געפירט אין לעבן ווי עס דארף צו זיין. זיי זענען געווען גאר ווייט פון זיין ״פערפעקט.״ אבער היינט, האבן זיי אלע אויסגעקוקט ווי מלאכים.

ר׳ אריה איז צוריקגעגאנגען צו דעם שפיטאל נאכן דאווענען וואו ער האט געהערט די מוראדיגע נייעס אז זיין טאכטער האט געעפענט אירע אויגן. פלא פלאים! קיינער האט נישט געקענט מסביר זיין פאר וואס דער מצב האט זיך פלוצלונג פארבעסערט. עס איז געווען א נס. דאס מיינט צו זאגן, אז קיינער האט נישט געוואוסט חוץ ר׳ אריה, וואס האט געזען ווי די הייליגע שכינה קען שורה זיין אין יעדען איד, טאמער דער איד מאכט זיך פאר א מקדש, א הייליגע פלאץ וואס איז ראוי פאר די שכינה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר אייזיק ווייס הי״ו לרגל שמחת נשואי בתו בשעטומ״צ • מזל טוב למוה״ר אהרן דוד סורקיס הי״ו לרגל שמחת נשואי בנו יעקב יוסף הי״ו בשעטומ״צ

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא ומרדכי מענדל בן ציפורה יוטא בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)